**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/24/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו אויטאריזירן קרעדיט יוניאָנס זיך צו באטייליגן אין דער עקסעלסיאָר-פארבינדענע דעפאזיט פראגראם**

***לעגיסלאציע (S.191/A.5459) אויטאריזירט קרעדיט יוניאָנס זיך צו באטייליגן אין די עקסעלסיאָר-פארבינדענע דעפאזיט פראגראם צו העלפן בארגער באקומען רעדוצירטע-ראטע פינאנצירונג אויף הלוואות***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.191/A.5459) צו אויטאריזירן קרעדיט יוניאָנס זיך צו באטייליגן אין דער עקסעלסיאָר-פארבינדענע דעפאזיט. אין די פארלאפענע 35 יאר, אין דער צייט וואס ניו יארק האט זיך איבערגעדרייט פון א מעניופעקטשורינג עקאנאמיע אויף א סערוויס עקאנאמיע, האבן געוויסע פון די גרעסטע קאמפאניס אין דעם סטעיט זיך פארקלענערט, צווינגענדיג פילע מענטשן צו ווערן זעלבסט-באשעפטיגט. קרעדיט יוניאָנס האבן זיך אפגערופן צו די געברויכן פון זייערע מיטגלידער און קאמיוניטיס דורך אנבאטן ביזנעס הלוואות.

"קלענערע ביזנעסער זענען פון שטענדיג אן געווען די רוקנביין פון אונזער סטעיט׳ס עקאנאמיע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די לעגיסלאציע איז ווידער נאך א צייכן פון אונזער אנטשלאסנקייט אונטערצוהייבן מעין סטריט ביזנעסער און אונטערשטיצן ניו יארקער איינוואוינער׳ס אומפארגלייכבארע ענטרעפעניוריעלע גייסט."

ניו יארק סטעיט לייגט א דעפאזיט פאר די זעלבע סומע ווי די הלוואה ארויסגענומען ביי א פארבינדענע דעפאזיט פראגראם אנטיילנעמער, און פארדינט ווייניגער ריבית אויף די דעפאזיט, ערלויבנדיג פאר די בארגער צו טראנספערירן די געשפארטע געלטער צולי די אינטערעסט-ראטע צו די בארגער. ביים ענדע פון די פיר-יעריגע טערמין פון פארבינדענע דעפאזיט הילף, קערט די קרעדיט יוניאָן צוריק די דעפאזיט געלט צו ניו יארק סטעיט.

מיט די סטעיט׳ס עקאנאמישע און באשעפטיגונגס גליקן באזירט אויף די ערפאלג פון קלענערע ביזנעסער, ווערט כסדר קלארער אז קלענערע ביזנעסער מוזן האבן העכערע צוטריט צו קאפיטאל דורך א ברייטערע ריי בארגער.  זינט זייער ערפינדונג האבן קרעדיט יוניאָנס ערפילט א וויכטיגע געברויך דורך סערווירן קאמיוניטיס וועלכע ווערן אונטערסערווירט דורך קאמערציעלע באנקס.  איבער 700 קרעדיט יוניאָנס לענגאויס דעם סטעיט שפילן אן אינטעגראלע ראלע אין סערווירן די פינאנציעלע געברויכן פון 3.5 מיליאן ניו יארקער. קרעדיט יוניאָנס זענען געשאפן געווארן אלס נאָנפראָפיט אלטערנאטיוווע צו אנדערע פינאנציעלע אינסטיטוציעס הויפטזעכליך צוליב דעם וואס ארבעטער-קלאס אינדיווידועלן זענען אפגעזאגט געווארן פון ביזנעס דורך דער ELDP, וועלכס איז א נאטורליכע פארלענגערונג פון די קרעדיט יוניאָנס אויפגאבע.

"פאר צופיל יארן זענען צופיל פלעצער אין NYS געווען באנק-מדבריות, לעכצנדיג פאר פאסיגע אויפמערקזאמקייט זיי צו העלפן וואקסן," **האט געזאגט סענאטאר דזשעימס סענדערס דזר.** "דורך

אונטערשרייבן דעם ביל טוהט דער גאווערנער ארויסלאזן די קרעפטן פון די קרעדיט יוניאָנס צו העלפן די וועלכע האבן נישט קיין צוטריט צו באנקס. א דאנק אייך גאווערנער האקול פאר'ן אונטערשרייבן דעם ביל וועלכס שטיצט ווערדפולע אבער אומבאנקירטע קאמיוניטיס."

"איך וויל דאנקען מיין קאלעגע און סענאט ספאנסירער, סענאטאר סענדערס, פאר אנערקענען דער געברויך פאר די וויכטיג לעגיסלאציע," **האט געזאגט אסעמבלי מיטגליד טעילאר דארלינג.** "טראדיציאנעלע באנק אינסטיטוציעס פארמאגן נאך פילע גלייכקייט חסרונות איבערהויפט ווען עס איז פארבינדן מיט אינדיווידיועלן זיך פארשאפן ביזנעס הלוואות. ערלויבן פאר קרעדיט יוניאָנס זיך יעצט צו באטייליגן אין די 'עקסעלסיאָר לינק' פראגראם מאכט דעם פראגראם מער צוגענגליך צו אונזערע שווער-ארבעטנדע ניו יארקער — איבערהויפט אונזערע קלענערע ביזנעס אייגנטימער, וועלכע נייטיגן זיך נאך אין אונזער שטיצע, היינט מער פון אלעמאל. א דאנק אייך גאווערנער האקול פאר'ן אויסגלייכן דעם פעלד דורך אונטערשרייבן דעם געזעץ. ווייטער געגאנגען, העכער און העכער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418